# אין טעג פון חשבון הנפש.

(וועגען דער קהלה-פרעזעסור).

די וויכטיגסטע ארטיגע פראגע, וואס אינטערעסירט יעדען טשענסטאכאווער ייִד, איז אהן ספק די פראגע אויב דער ביז-יעצטיגער קהלה-פרעזעס ה' גאלדשטיין וועלכער האט אויך בעת די לעצטע פערוואלטונגס-וואהלען בעקומען א מעהרהייט, וועט דורך דער אויפזיכטס-מאכט בעשטעטיגט ווערען אלס פרעזעס.

אייגענטליך, אין גלייכען וועג, וואלט דאס גאר קיין פראגע נישט געדארפט זיין. עס וואלט נישט געקענט אונטערליגען קיין שום ספק, אז די מאכט וועט אקצעפטירען אלס פרעזעס דעם וואס שטעהט שוין זינט 12 יאהר אין דער שפיץ פון דער היגער קהלה און וועלכער האט בעת אלע דריי פארגעקומענע וואהלען בעקומען א מעהרהייט.

איז אבער אין אונזער שטאדט געשאפען געווארען אזא לאגע אז עס געפונען זיך בייזוויליגע רכילות-טרייבער, וועלכע בעמיהען זיך צו פערשפרייטען פאלשע שמועות און פליאטקעס, כדי ארויסצורופען שנאה און האס צווישען די געגנערישע ריכטונגען, און צווישען די דאזיגע רכילות'ן פערנעמט דעם אויבענאן די פליאטקע אז די וואס האבען בעת די לעצטע וואהלען געשטימט פאר א צווייטען קאנדידאט וועלען אנווענדען א נ ד ע ר ע מ י ט ל ע ן אז ה' גאלדשטיין זאל נישט בעשטעטיגט ווערען.

פריהער האט מען געזאגט אז עס ווערען אנגענומען ארטיגע מיטלען די וואהל נישט צו בעשטעטיגען, און מען האט דאס צוגעווארפען די דעמאקראטען מיט דער אגודה. איצט ווייזט מען אן, לאמיר עס זאגען אפען, אז אזוי ווי די בעשטעטיגונג דארף קומען פון מיניסטעריום, וועט די אגודה, וועלכע איז א „קרובה למלכות", שוין זעהען דורך איהרע מענשען אין ווארשא צו טהון וואס מען דארף.

אזאלכע שמועות קענען אבער פערשפרייט ווערען נאר דורך מענשען וואס זענען אויסען צו צושטערען דאס יודישע לעבען אין אונזער שטאדט, ווארום לויט אונזער פעסטער איבערצייגונג וועט קיינער פון די דאזיגע צוויי גרופירונגען נישט צוטהון די האנד צו שטערען די קאנדידאטור פון ה' גאלדשטיין.

בנוגע דער אגודה זעהען מיר דאך אז אין איהר אפיציעלען קאמוניקאט, וואס ווערט געדרוקט אין היינטיגען נומער, ערקלערט זי עפענטליך אז זי אוז נישט געגען דער קאנדידאטור פון ה' גאלדשטיין, און דער גאנצער קאמוניקאט איז אזא ארט פערטיידיגונג פאר דער היגער עפענטליכקייט פארוואס זיי האבען געשטימט געגען, איז דאך פערשטענדליך אז אויב די היגע אגודה-פיהרער פיהלען נאך דעם מינדסטען אחריות-געפיהל לגבי דער היגער קהלה, וועלען זיי געוויס נישט שאדען די קאנדידאטור פון ה' ג. ווארום אין געגנפאל וועלען זיי שוין איינגאנצען פערלירען אויך דעם קליינעם איינפלוס וואס זיי וואלטען אפשר נאך געקענט האבען אויף דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

פון די דעמאקראטען איז דאך שוין אבגערעדט, געוויס זענען זיי בעגאנגען א גרויסע זינד מיט דעם וואס זיי האבען בעת די לעצטע וואהלען געשטימט געגען ה' גאלדשטיין, איבערהויפט ווען די אגודה (אין איהר זעלבען קאמוניקאט) ווארפט זיך אויף זיי און זאגט אז צוליעב די דעמאקראטען האט זי אויך געשטימט געגען.

זענען דאך זיי, די דעמאקראטען, געווען די ערשטע וואס האבען ארויסגערוקט די קאנדידאטור פון ה' גאלדשטיין, האט דאך זייער פיהרער ה' ראזענבערג אין זיינע ארטיקלען אין דער „טשענסט. צייטונג" זיך ארויסגעזאגט ענטשידען אז ה' ג. האט נישט געדארפט צו רעזיגנירען פון דעם פרעזעס-אמט, ווייל פאקטיש האבען אלע איהם געוואלט. מיר ווייסען אויך אז נישט ה' ראזענבערג און נישט ה' זשעריקער (ווי אלע ווייסען) האבען די קאנדידאטור אלס פרעזעס נישט געוואלט אננעמען. און אויב זיי זענען געקומען אין לעצטען מאמענט און אוועקגעשטעלט דעם פרינציפ העכער ווי די קהלה-אינטערעסען, איז דאס געוויס א גרויסע זינד, אפילו פאר דעמאקראטען וואס א פרינציפ איז ביי זיי הייליג, אבער אין רעזולטאט זענען מיר זיכער אז זיי ווינשען זיך מיט'ן גאנצען הארץ אז דאס קהלה-פעקיל זאל פאלען דעם ה' גאלדשטיין, און נישט זיי, אין קאפ אריין.

אמת, אז צו אונזער גרויסער חרפה זענען מיר געווארען הפקר ווי די ווילדע חיות, איבערהויפט איז די אזוי-גערופענע יודישע „פרעסע" שרעקליך דעמאראליזירט אז עס קענען קומען עטליכע יונגעלייטלעך, מאכען א „פרעסע" וועלכע ווערט געדעקט מיט'ן מאנטעל פון א פאליטישער ארגאניזאציע וואס טראגט א וועלט-נאמען, און וועלכע האט זינט דעם אנהויב פון די וואהלען אנגענומען א שענדליכע טאקטיק פון צושטערען און צוברעכען, וועלכע הערט נישט אויף צו ווארפען שמוץ און עיפוש אויף אלע זייטען ווייל מען האט מורא, טאמער וועט חלילה ווערען שלום, טאמער וועט פארט קומען צו א פערשטענדיגונג, דעריבער ווען מען זעהט אז ס'איז פערהאנען א מעגליכקייט אז דער געגנער זאל זיך מישב זיין און נאכגעבען, נעמט מען און מען ווארפט איהם א שטינק-באמבע גלייך אין פנים אריין כדי איהם נאך מעהר צו רייצען, און דאס טהוט מען, ווייל דער פירוד און דאס ארומרייסען זיך איז זייער לעבען, און אין דעם זעהט מען די עקזיסטענץ.

אבער די דאזיגע ווילדע מעשים, אזוי ווי די נארישע רכילות'ן און פליאטקעס וועלען לויט אונזער פעסטער איבערצייגונג נישט זיין אומשטאנד ארונטערצופיהרען פון גלייכען און עהרליכען וועג די מענשען אין וועמענס הענד עס ליגט דער גורל פון דער היגער יודישער קהלה, וועלכע געפונט זיך אין אזא קאטאסטראפאלען מצב.

אין די היינטיגע טעג פון חשבון הנפש, וועלען זיי זיך בעפרייען פון די פארטיי-פרינציפען, וועלען זיי נעמען אין אכט די אונגעהויערע פעראנטווארטליכקייט וואס זיי טראגען לגבי די וועהלער, און אלע וועלען זיי מיטווירקען אז דאס קהלה-לעבען אין אונזער שטאדט זאל קענען ווי אמשנעלסטען ארגאניזירט ווערען אויף אלע געביעטען לטובת דער גאנצער היגער יודישער בעפעלקערונג.

י. פ.

# הענריק מארקוספעלד ז״ל.

(צו דער 10-טער יאהר-צייט).

א זעלטענע ערשיינונג אין אונזער דור איז געווען הענריק מארקוספעלד.

עס איז נישט געווען קיין איין אינסטיטוציע, וואו ער זאל נישט זיין בעטייליגט סיי מיט זיין ארבייט און נאך מעהר מיט זיין געלד. ער האט נישט איבערגעקליבען, וואס פאר א ציעל די דאזיגע געזעלשאפט האט זיך געשטעלט, אויב זי איז נאר נעשאפען געווארען דארף מען זי אונטערשטיצען.

אזוי האט ער אקטיוו געארבייט אין אלע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, אויך אין די קולטורעלע און סאציאל-ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס. ער האט אויך טיילווייז געשטיצט אלגעמיינע שטאדטישע אינסטיטוציעס ווי די פייערלעשער א. א. מען דערצעהלט א קוריאז, אז ווען ער האט זיך צונויפגעשמועסט מיט די פארשטעהער פון די סאציאליסטישע ארבייטער-אינסטיטוציעס, האט ער זיך געפרעגט צי זיי וואלטען נישט געווען גרייט אנצונעמען פון איהם מאטעריעלע שטיצע...

דאס איז געווען א פענאמענאלער מענש, וואס קען בעצייכענט ווערען אלס יחיד בדורו.

ווען א וועלכע ס'איז געזעלשאפט האט אדורכגעלעבט א מאטעריעלען קריזיס, איז דער לעצטער אויסוועג געווען: מארקוספעלד. מען האט נאר געדארפט בעשטימען א דעלעגאציע צו מארקוספעלד'ן און דער קריזיס איז געווען געענדיגט.

מען האט שוין א סך גערעדט און געשריבען וועגען דעם דאזיגען אייגנארטיגען פילאנטראפ, איך וויל נאר ביי דער געלעגענהייט דערמאנען עטליכע עפיזאדען:

דאס איז געווען אין יאהר 1912, די ליטערארישע געזעלשאפט איז דאמאלס דורך דער רוסישער מאכט געשלאסען געווארען און די גאנצע נאציאנאל-יודישע יוגענד האט נישט געהאט וואו זיך אהינצוטהון, לאין ברירה האט מען בעשלאסען זיך אריינצוקריגען אין דער דאמאלסדיגער „לירא", וועלכע איז געווען א נעסט פון דער אסימילאציע.

א שווער געראנגעל איז דאן פארגעקומען צווישען דער אסימילירטער אינטעליגענץ מיט דער נאציאנאלער יוגענד. מען האט געקעמפט אויף לעבען און טויט. דער איינציגער, וועלכער האט מיטגעהאלפען אין אונזער קאמף און אונז פערלייכטערט דאס אריינקומען אין דער „לירא", איז געווען הענריק מארקוספעלד, וועלכער איז געווען פרעזעס פון דער געזעלשאפט. און שפעטער, ווען עס איז אונז געלונגען צו פערייאגען די אסימילאטארען פון דער „לירא" איז מארקוספעלד מיט אונז ווייטער געבליבען און ער האט אנגעקוואלען פון דער טעמפעראמענטפולער יוגענד און פון דער יודישער ליטעראטור און מוזיק.

א צווייטער עפיזאד.

אין יאהר 1917 איז אין טשענסטאכאוו פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון די יודישע טורן און ספארט-פעראיינען. דער היגער טורן-און ספארט-פעראיין האט איינגעארדענט א טורן-אויפטריט און שפעטער א באנקעט, אויף וועלכען דער אלטער שטאדט-טאטע מארקוספעלד האט פערנומען דעם אויבען אן.

דער שרייבער פון די שורות האט דאמאלס אין זיין טאסט זיך געווענדען צום עהרען-פרעזעס (מארקוספעלד) מיט אנ'אפעל, אז ער זאל שענקען א פלאץ פאר די ספארטלער אויף איבונגען און באלד האט ער זיך אויפגעשטעלט און פייערליך ערקלערט, אז דער פלאץ אויף קאשטשושקי (דעם נומער געדענק איך נישט) שענקט ער אוועק אויף די איבונגען.

---

געשטארבען מארקוספעלד און נאך 10 יאהר צייט איז נאך קיין אנדערער מארקוספעלד נישט געבוירען געווארען און דעריבער בעטייליגען זיך אלע יודישע געזעלשאפטען, וועלכע לעבען איבער א שווערען קריזיס און עס איז נישטא ווער עס זאל זיי צוהילף קומען און זיין אנדענקען.

אונזערע גבירים ווילען טאקי ירשענען די פרעזעס-אמטען פון דעם גרויסען נפטר, אבער זיינע מעלות פערמאגען זיי נישט.

חבל על דאבדין.

ש. פראנק

## דאס ענטהילען א טאוועל אויפ'ן נאמען פון הענריק מארקוספעלד.

צו דער 10-טער יאהרצייט פון דעם גרויסען נדבן און כלל-טהוער הענריק מארקוספעלד, האט די נייע סינאגאגע איינגעמויערט אין קארידאר פון דער סינאגאגע א אנדענקונגס-טאוועל און איינגעארדענט א טרויער-פייערונג אויף דינסטאג דעם 15 ד. ה. צו איהר ענטהילונג.

די סינאגאגע איז איבערפולט פון דעלעגאציעס פון כמעט אלע יודישע געזעלשאפטען, ווי אויך א דעלעגאציע פון די פייערלעשער. אויך זענען פערהאן פעהנער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, די האנדווערקער מיט זייער גרויסער פאהן, ווי אויך די פאהנען פון יודישען גימנאזיום און האנדווערקער-שולע, די פאהנען זענען בעציהרט מיט שווארצער קרעפע.

דער אבער-קאנטאר ה' פישעל דאווענט מעריב מיט דער בעגלייטונג פון כאר. דאן ווערט געמאכט א אל מלא רחמים און די סינאגאגע-פערוואלטונג איז מנדר 100 זל. אויפ'ן נאמען פון נפטר פאר דער סינאגאגע.

וועגען די פערדינסטען פון גרויסען נפטר רעדען די ה"ה ד"ר הירשבערג און ד"ר באטאוויץ. נאכהער געהט דער עולם ארויס אין קארידאר וואו ס'קומט פאר די ענטהילונג פון דער טאוועל, וועלכע עס האט אויסגעפיהרט ד"ר באטאוויץ.

אין א פייערליכער שטימונג געהט דער עולם זיך פונאנדער.

# די פערפאלגטע. (21

ראמאן פון יודישען לעבען אין איטאליע, אין 19-טען יאהר-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך י. געלזאהן.

(פארטזעצונג)

א לאנגע צייט האט געדויערט ביז ברודער און שוועסטער האבען זיך אבגעריסען איינער פון צווייטען און ערשט ווען די ערשטע איבערראשונג איז אריבער און זיי האבען זיך עטוואס בערוהיגט, האט וויקטאר אנגעהויבען צו בעווארפען זיין שוועסטער מיט פראגען ווי אזוי זי האט זיך בעפרייט פון געפאנגענשאפט אין קלויסטער און ווי אזוי זי קומט אהער.

מרים האט צו איהם געזאגט:

דו ווייסט געוויס אז מען האט מיך איינגעשפארט אין קלויסטער צוליעב אונזער אמאליגער דיענסט יעווא, און אט האט זי אליין מיך געראטעוועט און צוגעהאלפען צו דעם האט אויך מיין פריינדין זאפיע וועלכע געפונט זיך אין זעלבען קלויסטער אלס קירכענשוועסטער.

איך האב זיך אויף קיין זאך נישט געריכט—האט מרים דערצעהלט—און איך האב שוין כמעט געהאט אויפגעגעבען מיין האפנונג זיך צו בעפרייען וויסענדיג, אז איך האב נישט קיינעם וואס זאל זיך בעמיהען וועגען מיין בעפרייאונג, אונזער פאטער איז פערשוואונדען, וואוהין ווייסען מיר נישט—מרים האט זיך שרעקליך צויאמערט—די ליבע מוטער איז פון צרות קראנק אין שפיטאל. דו, מיין איינציגער ברודער, קענסט אהין נישט קומען. דאס אלץ האב איך בערעכענט און אויף וועמען האב איך צו האפען, דעריבער האב איך זיך אנגעהויבען בעהערשען מיט דעם געדאנק אז מעהר זאל איך זיך נישט אקעגענשטעלען מיינע לעהרערינס אום צו געווינען זייער צוטרוי, אז זיי זאלען מיך נישט אזוי שטארק היטען און דאן וועל איך זיך אפשר מיט דער צייט קענען בעפרייען.

מיין פריינדין זאפיע, וועלכע האט מיט מיר מיטגעפיהלט און זיך בעטייליגט אין מיינע שמערצען, האט זיך געוואונדערט אויף דער ענדערונג וואס איז פארגעקומען אין מיינע בעציהונגען צום קלויסטער, אבער זי האט מיך וועגען דעם קיינמאל נישט געפרעגט. מעגליך האט זי זיך אנגעמערקט וועגען מיין אמת'ער כונה.

לעצטענס האב איך זאגאר בעמערקט ווי יעווא קומט פון צייט צו צייט אין קלויסטער אריין, און זי פיהרט געהיימע געשפרעכען מיט זאפיא'ן, אבער איך האב נישט געקענט האבען קיין אהנונג אז דאס האט צו טהון מיט מיר.

איינמאל אין אווענד, ווען איך בין שוין געלעגען אויף מיין געלעגער האב איך געהערט ווי אין צווייטען צימערל וואו עס האט זיך געפונען זאפיא, רעדט מען אין דער שטיל, דאסמאל האט מיך אינטערעסירט וועגען וואס מען רעדט דארט, איך האב זיך צוגעבויגען צו דער וואנד און נעהערט אז דאס רעדט זאפיא מיט יעווא'ן, אבער איך האב נישט געקענט הערען וועגען וואס זיי רעדען צווישען זיך.

איך בין צוריק ארויף אויפ'ן בעט, אבער איך האב עפיס נישט געקענט ענטשלאפען ווערען, און בין געלעגען וואך ביז נאך האלבער נאכט, ווען אין קלויסטער האט געהערשט א טויטע שטילקייט, האב איך געהערט ווי די טיער פון זאפיא'ס צימער האט זיך זעהר שטיל געעפענט, און דאן בין איך דערציטערט געווארען, הערענדיג צוויי לייכטע קלעפ אין דער טיער פון מיין צימער.

אזוי ווי איך האב פערשטאנען, אז דאס איז נישט קיין אנדערע ווי זאפיא, האב איך אין דער שטיל געעפענט די טיער, דורך וועלכער עס זענען אריינגעקומען זאפיא מיט יעווא'ן.

מאך זיך גרייט—האט זאפיא געזאגט—אבער זעהר שנעל, ווייל דו מוזט שוין אוועק פון דאנען.

וואס הייסט?

פרעג נישט קיין פראגען, נעם עפיס אויף זיך און קום מיט אונז.

איך האב מעהר נישט געפרעגט איך בין אין דער שטיל מיט זיי ארויס פון מיין צימער, זיי האבען מיך געפיהרט א לענגערע צייט דורך געהיימע קארידארען — ביז מען איז צוגעגאנגען צו א עפנונג. דארט האבען זיי מיר געגעבען די מענער-קליידער אין וועלכע איך בין געקומען, און אויף א געשפאנטען וואגען, וואס איז דארט געשטאנען גרייט האב איך פערלאזט רוים, נאכדעם ווי איך האב זיך מיט מיינע רעטערינס שטארק צוקושט.

אויפ'ן וועג ווען איך האב צופעליג אריינגעטהון די האנד אין דער טאש פון פאלטא האב איך דארט געפונען א געוויסע סומע געלד, וועלכע האט מיר געקלעקט אויף רייזע-שפעזען ביז מיילאנד און אט בין איך געקומען צו דיר און מיר זעהען זיך ווידער.

שוועסטער און ברודער האבען זיך ווידער צוקושט, און ראזא איז אלץ געזעסען און אויסגעהערט, ווייל וויקטאר האט זי נישט געלאזט אוועקגעהן.

אבער איצט וויקטאר — האט מרים געזאגט — מוזטו וויסען אז איך געפון זיך אין א שלעכטער לאגע, איך האב מורא אז מען זאל נישט ארויסשיקען שפיאנען מיך אויפצוזוכען, און דאן בין איך א פערפאלגטע.

אויף וויקטאר'ס שטערען האט זיך בעוויזען א וואלקען און זיין פרייד איז אוועק. ווען ער האט זיך אנגעהויבען אויסניכטערען און זיך טיעפער אריינטראכטען אין דער לאגע פון זיין איינציגער שוועסטער.

עס איז אמת, טייערע שוועסטער — האט וויקטאר געזאגט — אבער דערווייל ביזטו ביי מיר, קיינער וועט וועגען דעם נישט וויסען, דו מוזט זיך היטען און מיר וועלען זוכען א עצה ווי אזוי דו זאלסט זיין זיכער פון דיינע פערפאלגער.

ראזא האט שוין געמוזט אוועקגעהן, פערשפרעכענדיג וויקטאר'ן באלד אין דער פריה ווידער צו קומען כדי זי זאל אנטיילנעמען אין דער בעראטונג אום אויסצוגעפונען א עצה ווי אזוי צו זיכערן זיין שוועסטער אין איהר לאגע.

ווען ראזא איז צומארגענס געקומען צו וויקטאר'ן אין דער וואוינונג, איז זי ערשט אויפסנייע בעגייסטערט געווארען פון זיין שוועסטער, וועלכע איז געווען א אויסערגעוועהנליכע שעהנהייט זעהר פיין ערצויגען, העכסט געבילדעט, און באלד זענען ביידע פריילינס זיך געווארען נאהנט ווי צוויי שוועסטערן.

בעת די צוויי יונגע מיידלעך האבען זיך אונטערהאלטען, האט וויקטאר'ס מוח דערווייל געטראכט פערשידענע פלאנען ווי ארום צו זיכערן די לאגע פון זיין שוועסטער, און צו געפונען א וועלכע ס'איז פערזעהנליכקייט וואס זאל זי נעמען אונטער זיין שוץ, און פלוצים האט ער אויפגעשטראהלט פון א געדאנק וואס האט איהם בעהערשט און ער האט זיך געוואנדען צו ראזא'ן:

טייערע, וואלט נישט געווען גלייך אז מיר זאלען זיך ווענדען וועגען הילף און שוץ פאר מיין שוועסטער צום גובערנאטאר עמנואל מאראניא, וועלכער איז א אדעלמאן און איך מיין אז מיין פאמיליע איז איהם בעקאנט?

דו האסט רעכט וויקטאר—האט ראזא געענטפערט—דאס איז די פאסיגסטע פערזאן וואס קען זי שיצען, און ער וועט דאס געוויס טהון.

א קורצע צייט האבען זיי נאך דעם פלאן גענוי בעשפראכען, און ס'איז ביי זיי פערבליבען אז נאך דעם זעלבען טאג אין אווענד זאל וויקטאר מיט זיין שוועסטער בעזוכען דעם גובערנאטאר.

(פארטז. קומט)

